לכבוד הרבנים חברי התאחדות הרבנים שליט"א.

מיר ברענגען דא שטיקלאך פון די דרשות פון די רבנים שליט"א וואס זענען געהאלטען געווארען ביי דער אסיפה פון דער התאחדות הרבנים בענין הניקור כ"ח תשרי תשמ"ב. און עס איז דא צו קריגען טייפס פון דער דרשה. און אזוי ווי מ'קען קלאהר זעהן פון דער ווערטער פון די אלע רבנים שליט"א אז אלע רבנים זענען מודה (למחצא לשליש ולרביע) אז עס ווערט פארקויפט לויטער חלב אין דער געשעפט און דעם מודעה וואס איז געשטאנען אין יוד פרייטאג פ' בראשית אז ורז"ל לא נתברר לנו שום יסוד לערעורים הללו וכו' איז איין אפענע שקר און די בעלי בתים פון יוד טיען וואס זיי ווילען אן פרעגען ביי די רבנים. על כן בעטען מיר די רבנים אז זיי זאלען ארויס קומען מיט א מחאה אז עס איז נישט אמת און אז דער עולם זאל נישט עסען דער פלייש ביז מ'ווערט דאס מתקן זיין בשלימות. און בכלל מתקן צו זיין א פרצה שטילערהייט איז היפך דעת תורה און עס קען ברענגען אגרויסער חרבן אזא וועג איז קיין מאהל נישט געווען ביי דער יודעשע פאלק און עס איז א נייע דרך צו מאכען די אלע פארשיידענע חשבונות וואס מ'האט געמאכט. עס איז אמת אז כבוד הרבנים איז א גרויסער זאך, און אז די רבנים זאלען נישט פארלירען דער צוטרוי פון דעם עולם, אבער שמירת התורה איז א גרעסערע זאך. על כן בעטען מיר די אלע רבנים אז מ'זאל נישט זיצען שטיל ווען מ'זאגט אז די רבנים פון דער התאחדות הרבנים זאגען אז עס איז נישט דא קיין חלב און דלא נתברר לנו שום יסוד לערעורים הללו.

<u>סארטיקאווער רב שליט"א</u> – ורז"ל עס איז דא צו האנדלען צוויי זאכען, ערשטענס בכלל צו מ'זאל בלייבען ביי די אלטע מנהגים אדער מאכען שינויים, און בפרטיות אז קיין שום בוטשער טאר אן א השגחה... מ'זאל ארויס געבען א שטרענגער קול קורא וכו' למשל עס איז דא בוטשערס, כיי מיר אין בית המדרש אליין פלוצלינג ווערט ער א בוטשער אן א השגחה און אן גארנישט וואלט מען געדארפט פון דעם אסיפה ארויסקומען מיט א שארפע אויסרוף אז אן א השגחה טאר מען נישט פארקויפען קיין פלייש, און מ'זאל זעהן צו פארהערען אזוי א שואט, ווענען די פראבלעמען. וכו'. (דא זעהט מען קלאהר אז עס איז דא פראבלעמען ווייל ווענען שינויים און מנהגים מאכט מען נאך נישט קיין שטרענגער קול קורא און א שארפע אויסרוף.)

<u>מאנטעווידיא רב שליט"א</u> – איז דער גאס [illegible] פארש[illegible] אן א [illegible] פאשקאווילען [illegible] א זאך וואס קומט אן איין אבסענדער איז א פאשקוויל ווערט מען אוודאי מיינען אז צו דער רבנים קען מען אנדערש נישט רעדען נאר מוז מען קודם דער גאנצער וועלט פול מאכען מיט פאשקאווילען, נאך דעם קומט מען זיך צוזאם. (עס איז אמת אז מ'קען נישט רעדען מיט דער רבנים, און די מאנטעווידיע רב אליין האט מודה געווען צו דעם מיט דעם קול קורא וואס ער מיט דער אודוואריי רב האבען געמאכט) דריי אדער פיר יאהר צוריק איז שוין דא, איז דא געווען דער מלאכי וכו' אנדער האלב יאהר צוריק איז ר' זלמן ברייזעל"ס עדים געקומען צו מיר אז מ'עסט חלב, מ'זאל איבער קערען דער וועלט, איך האב עס געזאגט נעמט א מנקר פון א"י, דער שפעזען ווערט מען צוזאמען שטעלען און לאמיר רעדען (דער עולם ווייסט דעם אמת פאר וואס די מנקרים פון א"י זענען נישט געקומען). דער סקווערע רב האט אריין געשיקט א בריעף פאר דער אסיפה גדולה אז אזוי ווי עס האט זיך אין מאנסי באזעצט א מנקר פון א"י און ער האט געטראפען דארט ביי די קצבים א געוויסער זאך וואס מ'האט זיך נישט געקאפט (מנהגים מיינט ער? אוודאי נישט !!! ער מיינט פסוט חלב). מ'האט שוין גערעדט פון דעם אז מ'זאל מאכען א תיקון (איז קלאהר אז עס איז דא חלב). אז טרעפט זיך אמאהל אז צום חלק פנים, אזוי ווי אין דערויסען שניידט דאס א גוי נישט א יוד, און לכתחלה דארף מען שניידען דעם חלק הפנים ביז צום טבור טרעפט זיך א מאהל אז מ'לאזט נאך אביסעל, עס איז געווען קצבים וואס האבען זיך נישט געקאפט אויף דעם; אזוי איז געווען געשריבען אין בריעף (עס טרעפט זיך לוידער מעהרערע מאהל). איך בין דארט [illegible] קיין סקווער [illegible] האט מיר [illegible] אז עס קען אמאהל אריין קומען צוויי אדער דריי אינטשעס און עס איז דא קצבים וואס ווייסען נישט דער פון. (וויפעל קצבים זענען אין גאנצען דא). מ'האט געמאכט איין אסיפה אין תמוז קלאהר צו ווערען אין דעם ענין (פון דעם זעהט מען קלאהר אז די רבנים האבען שוין געוויסט לכל הפחות עטליכער חדשים צוריק, ממילא. וואס שרייט סיגעטער רב שפעטער אז מ'האט נישט געוויסט)? נאך אזאך איז נתברר געווארען ביי די אסיפה פון די מנקרים אז סוף כל סוף, דער זאך איז אזוי (זייט מדקדק אין ר' אברהם לייטנער'ס ווערטער). דאס ענין פון ניקור, אז דער לעצטער 30 יאהר, לאמער אליין מודה זיין (עס קומט א דאנק פאר ר' אברהם וואס ער איז מודה על האמת, און זאלען די אנדערע רבנים אויך מודה זיין און נישט לאזען אז כלל ישראל זאל עסען חלב, דאס איז נישט דעם ריכטיגען דרך צו באהאלטען אז עס איז דא חלב, מ'דארף מודה על האמת זיין און נאך דעם פארעכטען, אזוי איז אלע מאהל געווען ביי די גדולי ישראל, כבוד הרבנים איז טאקע א גרויסער ענין אבער שמירת התורה איז גרעסער). אז ביז עס איז געווען אביסעל התעוררות ... בדרך כלל האט מען נישט געוויסט דער ענין פון ניקור, און די אלע מנקרים... אזוי איז געווען דער סדר מ'קען דאך נישט ביין צן א רב לערנען ניקור, האט זיך איין מנקר געלערנט ביים צווייטען, (דאס הייסט אז קיינער פון די בוטשערס היינט קען נישט קיין ניקור, ממילא איז דא ר"ל ממש חלב). איז ממילא האט געקענט ארויסקומען פארשידענע זאכען (דאס הייסט חלב ר"ל). איך האב אליין געטראפען מנקרים וואס געוויסער זאכען האבען זיי נישט געקאפט. דאס האב איך אליין געטראפען עטליכער מנקרים, איך מיין עטליכער פון די קצבים (ווייל עס זענען נישט דא קיין מנקרים) וואס זיי האבען זיך נישט געקאפט אז מ'לאזט צו אביסעל דארטען נאכען טבור, אזוי ווי מיר האבען געזאגט אז עס איז נישט געגאנגען אונטער די השגחה פון קיין רבנים, דעם ליסוד. (נאך א מאהל זעהט מען אז עס איז דא ממש חלב און דער פראבלעם איז נישט נאר ווענען דעם צלע י"ב וי"ג). דער ווינער רב זאגט אז מנדל בערגער (א קצב) האט עס געזאגט אז עס איז קיין מאהל נישט אריין געקומען צו ווייסנשאק, און ר' אברהם זאגט פאר עם אז עס איז נישט אזוי (די רבנים קריגען זיך איבער א מציאות). דא הייסט דאס געאבער טענדערלוין, און דארט צום סוף איז צו געשטעפט א שאיקעל חלב און דאס איז חלב לכל הדעות חלב דאורייתא און אין גבעת פנחס איז עס נישט דערמאנט, אין אונגארען איז געווען דעם סדר אז מ'האט דאס נישט גענוצט, האלט איך אז דאס איז געווען דער סיבה פון אזעליכער וואס ווייסען נישט דערפון, ווייל געווייינטלעך אונזערע מנקרים האבען געלערנט דעם ספר (פארשטייט מען לוידער ווי אזוי עס ווערט פארקויפט חלב ר"ל). און אויך איז נישט דערמאנט אין גבעת פנחס אז פון כבד דארף מען אראפ נעמען דער חלב האט זיך אויך געטראפען אזעליכע וואס זיי האבען זיך אויף דעם נישט געקאפט. (ווי אזוי קען מען נאך אזא אסיפה זאגען אז עס איז נישט דא קייר יסוד לערעורים הללו??). דאס איז געווען פאר דעם זומער, האט מען געטראכט אז מ'ווערט זוכען עפעס איין עצה מ'קען דאך נישט א רבים"דיקע זאך אין איין טאג ערלעדיגען (ר"ל שומו שמים מ'לאזט יודען עסען חלב!!! מ'דארף ארויס רופען נישט צו עסען די פלייש דאס דוירט 5 מינוט! אפילו נישט איבער נאכט!!!) . דאס וואס זיי שרייען אין ירושלם אז בדרך כלל אז דער סדר הניקור איז נישט גוט האב איך געהאלטען אז דאס האט נישט קיין מקור. (וואס פאר א סדר הניקור איז דא? עס איז נישט דא קיין סדר דאס <u>זעהט מען קלאהר</u>). איך <u>בין צוריק</u> געקומען פון א"י <u>און מ'האט</u> געוויסט אז די פאר פראבלעמען זענען דא, מ'האט געוויסט פון דעם אבער עכ"פ עס איז נישט אזא זאך וואס ברענט אזוי, אז דער סדר איז עכ"פ לויט אסאך שיטות ארויסגעהאלטען איז צייט נאך יו"ט (דער ווייל זאלען יודען עסען חלב??). און דאס האט מען אויך געזעהן אז מחמת דעם אז עס איז נישט דא קיין קבלה פאר די מנקרים קען זיין געוויסער מנקרים וואס געוויסער זאכען אפשר וויסען זיי נישט

אין עס נישט אזאך וואס מ'דארף תיכף גיין שרייען אז עס איז עק וועלט (אויב איסורי דאורייתא אין חיובי כרת ר"ל איז ניטש עק וועלט, וואס דען איז עק וועלט?). מ"האט בעהאט א פלאן תיכף נאך יו"ט וועט מען זיך אוועק זעצען. (די בעפילען אפילו פון די רבנים זענען שוין געשטארבען). איך האב מיך איבער געצייגט אז דער סדר איז גוט (וועליכער סדר?). פארלאסט מען זיך אויף די רבנים: המשגיחים(טפעטער וועט מען הערען פון די רבנים אליין אז זיי קענען נישט קיין ניקור און זיי ווילען זיך אויס לערנען, און דער ווייל זאל מען זיך פארלאזען אויף זיי???). בעוועגטלעך אז די סדרים איז גוט און די רבנים המשגיחים זאגען אז עס איז כשר קען מען זיך פארלאזען. (???). איך האב באקומען טעלעפאן קאלס נישט איינס און נישט צוויי פאר וואס איך שרייב שטיל, איך מוז נישט טיען אזוי ווי אין ירושלם, מ'רופט מיך אז מ'האט געטראפען פלייש, אויף דער גראבער סענדערלוין האט מען געטראפען דעם, מ'האט געטראפען יענס איך ווייס נישט וואס דו האסט געטראפען איך קען נישט זיין קיין בעל אחראי אויף וואס מ'טרעפט נאר איך בעט אז עס זאל קומען א מענש און ברענגען דער שטיקעל פלייש און זאגען אז ער האט דאס געקויפט דא און דא בין איך גרייט צו גיין צו דער רב המכשיר, און איך וועל טיען (רב אברהם איז דן די פראבלעם פון חלב אזוי ווי אדין תורה פון געלט ער פסק'נט המוציא מחבירו עליו הראי' אז מענטשן זאגען אז עס איז דא חלב מוזען זיי ברענגען דאס פלייש צו מיר, עס איז נישט גענוג אז איך ווייס אז עס איז דא חלב נאר ברייג מיר איבער. איין אמת'דיגער עהרליכער רב וואלט געדארפט צוצירערט צו ווערען ווען מ'הערט אז אפשר איז דא חלב און כל שכן אז אויב מ'ווייסט טאקע). פריער האט מיר געברענגט איינר אשטיקעל גראבער סענדערלוין א דארט צום סוף איז געווען צו געלאסט אשטיקעל חלב הכליות... עס קען פאסירען וועגען דעם זיצט מען דא און דעם טראכט מען. (אויב איהר זענט מודה דארפט איהר דאך הייסען אז דער ווייל זאל מען נישט עסען קיין פלייש און נישט אז עס איז נישט דא קיין יסוד לערעורים הללו). איז קודם איז דא א פראבלעם וועגען סדר הניקור... נאך דעם איז דער שאלה וואס מ'טיעט וועגען דעם, לדעתי בלי שום ספק אז עס איז דא געוויסע וואס זענען עוסק אין ניקור וואס זיי ווייסען נישט געוויסער זאכען. (נאך א מאהל איז ער מודה על האמת, אבער וואס זאגען די רבנים? יאכלו ענוים וישבעו).

<u>ניירבאסער רב</u> – איין פראגער וויל איך פרעגען, דער ווינער רב פרעגט צו מ'קען איבער צייגען אז מ'האט גענומען דער צלע י"ב די"ג אנדערש ווי דער חת"ס האט גע'פסק'נט, קומט אבריטע פון א רב זאג זאגט וואס מ'האט צו טיען מ'קען נישט אוועק מאכען דער תשובה פון החת"ס, און נאך דעם זאג איך עדות, בגזרה עדות אם לא יגיד אין נאמען פון רבי'ס זי"ע אז איך האב געפרעגט דער רבי"ם מיט 25 יאהר צוריק אדער 30 יאהר, ווי אזוי איך זאל מיך נוהג זיין האט דער רבי מיר בעהייסען טיען אזוי ווי אונזערע גדולים האבען געטיען אין גאנץ עסטרייך אונגארען וכו', מ'זאל נישט משנה זיין גארנישט, (אודאי זאל מען נישט משנה זיין, אבער מ'האט לוידער יא משנה געווען און עס איז לוידער דא חלב, פארגעט פון די צלעות אבער חלב ממש איז דא אזוי ווי די רבנים אליין זענען מודה). יעצט ווער קען זיך נעמען דער העזה און וועלען משנה זיין, מ'זאל אנדערש טיען ווי דער רבי זי"ע האט בעהייסען (דאס איז טאקע א שאלה, ווער האט משנה געווען?). פון דעסט וועגען אויב רוב רבנים וועל וועלען מסכים זיין משנה צו זיין שליס איך מיך איין צו דער רוב רבנים(איהר וועט האבען דער העזה משנה צו זיין אנטקעגען רבי'ס???). נאר איך ווייס אז דער רבי האט מיר בעגעבען כמעט א פקידה אז איך זאל אזוי טיען (און איהר האט לוידער עובר געווען אויף דער פקידה).

<u>ווינער רב</u> – און ער פארשטייט נישט פאר וואס ז'באהאנדעלט וועגען דער צלע י"ב אויב עס איז דא סתירים, אויב מ'וויל מתקן זיין דער מאנטאוועדיע רב זאגט אז א מנקר מוז נעמען סמיכה ביי רבנים, תבא עליו ברכה, דאס דארפען מיר טיען, ווי איז א בוטשער סטאר אן א השגחה איז דאס פלייש אסור ווייל אפשר בלייבט א כשורה (דווינער רב איז אפאר מודה במקצת). איך האב געזאגט פאר אהרן וויינשטאק אז ער מוז אראפ נעמען די גאנצער חלב אז קיין חלב טאר נישט ארויס גיין פון עס, ער האט געזאגט אז ער איז מקבל, חלב וועט ער אראפ נעמען.

<u>סיגעטער רב</u> – איך בין געווען מיט ווינער רב צוזאמען מיט נאך רבנים ביי וויינשטאק און דער . ווייל האבען מיר געמאכט אזוי פיל תיקון וואס ער האט זיך אונטער גענומען, אויף 4 וואכען (ווינר רב זאגט 6 וואכען) וועט נישט זיין קיין חלב (און וואס וועט זיין נאך די 4 אדער 6 וואכען? און בכלל אזוי באהאנדעלט מען אזא הארבע ענין? דאס איז קיין מאהל ניטש געווען דער דרך ביי די גדולי אזוי, ביז אמעריקא ווייל אין אמעריקא טאר מען נישט שטערען קיין ביזנעס ווייל מ'קען עס חלילה עפעס מפסיד זיין). איך האב געפרעגט אהרן וויינשטאק קען אזאנס זיין? ער זאגט אז עס קען זיין אז דאס פלייש איז ווארעם ווען מ'שניידט מאכט זיך א מאהל דער גוי זאגט מען אן ער שניידט פון דער צלע י"ג אן, מאכט זיך א מאהל (עס איז באמת מעהר ווי א מאהל). אז דער גוי שניידט נישט גוט, קומט דאס אריין צו א בוטשער וואס איז נישט קיין בקי, קען זיך טאקע אזאנס זיין (עס איז דא א בוטשער וואס איז יא א בקי?). דער ווייל האבען מיר ביי עם ערליידיקט און דאס איז א שווערע זאך (א שווערע זאך מוז דער רב המכשיר נישט ערליידיקען?). ווייל עס קומט אריין פאר טאגט מ'מוז האבען ספעציעל א מענש, ממילא נעמט ער זיך אונטער אויף 4 אדער 6 וואכען אז ער דער[illegible] נישט קענען צו קומען צו א קצב א חלק פון די אחוריים, נאך דעם פרעגט איינער דער רב וז"ל פאר וואס קען מען אויף מער צייט נישט פועל'ן וואס עפעס 6 וואכען און דער רב זאגט וז"ל איך זאג דאך אייך וואס איז געווען... גוט גוט... (אזוי ווי איינער זאגט זיי צופרידען מיט דעם וואס טוסטו אז ער איז גארנישט מסכים?). לאז מיך אייך עפעס זאגען איך בין זיכער אז די אלע זאכען זענען אונטער געשטעלטע זאכען, עס איז זיכער שקרים (אלע רבנים זענען מודה אז עס איז דא חלב) מ'קויפט נישט קיין סענדערלוין, ווער קויפט א סענדערלוין. (יעדער ווייסט אז עס ווערט פארקויפט סענדערלוין). חיינט קען איך אזוי ביז דעם פרשה פון חלב. (און סיגעטער רב רעדט ארום דער ענין פון די צלעות, דאס איז אבער נישט די פראבלעם, די פראבלעם איז אז עס איז דא אחוריים און גרויסען און מיט חלב און אפילו א מאהל דער טרייפענע קאלנער קומט אריין וואס דער הלכה איז אז עס העלפט אפילו ניטש קיין ניקור). עס איז געווען ממש במזיד אריין צו דרייען אויף אונז א בלבול, אזוי ווי א מאהל איז געווען איין עלילת דם איז יעצט איין עלילת חלב. (עלילה אהין עלילה אהער, עס איז אבער דא חלב). פאפע רב איז יעצט אריין געקומען צום אסיפה און דער רב זאגט פאר פאפע רב וז"ל עס איז דא שאלות להלכה וואס מ'זאל טיען, בכלל ביי די צלע י"ב איז געווען פלעצער ווי מ'האט דאס יא גענוצט און עס איז געווען פלעצער ווי מ'האט דאס נישט גענוצט ממילא איז א שאלה. (דער רב רעדט אלע מאהל פון די צלעות, פאר וואס רעדט ער נישט וועגען דער אחוריים און חלב בכלל?).

<u>פאפע רב</u> – אזוי ווי מ'נוצט נישט קיין פלייש מיט א סרחה חאטש אז עס איז כשר וכו', דער רב זאגט פאר פאפע רב הלוי' וויפעל סרחות מ'נוצט, מ'האט אראפ גענעמען סרחות, דאס איז בלאט פון דעסט וועגען נוצט מען סרחות, מ'קען נישט זאגען אז מ'ניצט נישט קיין סרחות, פאר דער עולם קען מען זאגען אז מ'נוצט נישט קיין סרחות, דעמאלט קענט איהר נישט האבען קיין פלייש צו פארקויפען. אויף דעם זאגט דער ניירבאסער רב וז"ל חלילה אז מ'זאל נוצען סרחות חס וחלילה, קיין מאהל אויף דער וועלט, סרחות נעמט מען נישט אראפ, ח"ו נעמט מען דאס נישט אראפ. (די רבנים ווייסען נישט וואס טיעט זיך ביי דער שחיטה).

סיגעסער רב - עס איז פארשפרייט אין די גאנצע וועלט אַז אַז מ'עסט דא ממש חלב אחוריים (דער רב
איז ניטס דן וועגן דער חלב נאר וועגן דעם שם רע). דער רב לייענט פאר א בריעף וואס קאשרי רב'ס
עדים שרייבט פאר רב מלאכי עטליכע חדשים צוריק אז עס איז דא חלב און אז ער האט גערעדט מיט
עטליכע רבנים, זאגט דער רב אז ער ווייסט נישט מיט וועליכע רבנים האט ער גערעדט, ווען ער וואלט
געזאגט פאר רבנים וואלט די רבנים געטיען. (דאס איז אמת אז ער האט גערעדט מיט רבנים און ער האט
פראבירט שטילערהייט מתקן צו זיין נאר די רבנים האבען זיך נישט ווירסענדיק געמאכט, און עטליכער
חדשים צוריק איז ארויס געקומען א מודעה פון דער התאחדות הרבנים און זיי האבען דאס געשיקט צו
אלע בוטשער סטארס אז יש הזנחה רבה בניקור ויש חסרון ידיעה בניקור וכו').

ווינער רב - דער ווינער רב ברענגט א ראי' פון א מעשה אין ברדיטשוב אז מ'דארף נישט גלייבען דער
קאשרי רב ווייל ער האט געשוויגען דער גאנצע צייט און נישט געזאגט אז עס איי, דא חלב. (קודם כל
ער האט נישט געשוויגען נאר די רבנים האבען זיך נישט ווירסינדיק געמאכט און צווייטענס עס איז דא
נאך אסאך ירדען און מנקרים וואס זאגען אויך אז עס איז דא חלב אזוי ווי דא ביי דעם אסיפה אליין
זענען מודה די רבנים אז עס איז דא חלב). ווינער רב ברענגט פון אמרי אש וז"ל אין אמת ארויין א
פלא פון א מורה הוראה וואס ער האט געלאסט יודען דרייי וואכען עסען טריפות. (פאר וואס לאזען די
רבנים אז יודען זאלען עסען חלב).

סיגעסער רב - עס איז נישט קיין ספק אז זיי האבען געפלאנט 6 חדשים צו קומען מיט אזא מין זאך אז
מ'עסט חלב דאורייתא און אחוריים (דער רב רעדט וועגען זיינע ענינים און בבוד).

פאפע רב - אל תזכור לנו עוונות הראשונות, מה דהוי הוי לאמער יעצט דן זיין אז עס זאל זיין מכאן
ולהבא, די אלע עבירות לאמער שטעלען אויף א זייט. (מודה במקצת).

סיגעסער רב - מ'האט דאך געטיען ביז יעצט (וואס האט מען געטיען??????? בארניסט). יענער אסיפה
האט מען געמאכט מתקן צו זיין. (אזוי ווי דער יעצטיגע אסיפה). ——— צום ענין איז אזוי (יעצט
רעדט טאקע דער רב צום זאך, און מ'זאל מדקדק זיין אין זיינער ווערטער). איך זאג אייך וואס
מ'וואלט געדארפט דא קודם דאס וואס מ'האט פריער פארגעשלאגען אז עס איז דא דאהי בוטשערס וואס
האבען נישט אזוי זיין ווייזען נישט שריפטליך האבען [illegible] זיכער נישט אז זיי קענען. (דא איז דער רב
מודה על האמת, איז ווי אזוי קען מען לאזען בלל ישראל עסען חלב דאורייתא ודרבנן, איהר זענט דאך
אליין מודה, און פאר וואס ווילט איהר ארויין שלינגען דער קאשרי רב?). פון היינט מאהל אן ווער
איז עוסק אין פלייש מוז ער האבען א השגחה, און עס איז נישט גענוק א השגחה נאר מ'זאל זעהן אז
די בוטשערס זאלען קענען, אויסער דעם וואס ער האט א השגחה. (דער רב ווייסט דעם אמת אז די
השגחות זענען כמעט גארנישט ווערט נאר דער בעל הבית אליין דארף קענען). מ'וואלט געדארפט אויס-
שטעלען א פאר רבנים וואס זאלען אליין קענען ניקור (ווייל ביז יעצט האט קיין שום רב נישט
געוויסט בכלל וועגען ניקור, ממילא האבען די בוטשערס זיכער נישט געוויסט).

פאפע רב - מ'זאל ממנה זיין רבנים זאלען זיך ארייין לייגען בראשט וברובם אין הלכות חלב און דוען
די רבנים וועלען זיין בקי אין די אלע הלכות בפרטי' ודקדוקי', נאך דעם למען חשקט תרעש זאל מען
צוזאם קומען מיט די א"י דיקע וואס האבען געמאכט דעם שם רע מ'זאל זיי ווייזען אז דער שם רע
איז נישט אמת. (דאס איז פשט אז מ'וויל באהאלטען אז עס איז דא חלב, און ערשט נאך דעם ווען עס
וועט זיין דא גוט וועט מען צייגען אז עס איז אלע מאהל גוט געווען).

סיגעסער רב - איך האלט אז דער רעש איז שוין נשתק געווארען דאס ווייסט יעדער איינער אז דאס איז
געווען איין עלילת חלב.

פאפע רב - דער קאשרי רב שרייט נאך אלץ אז עס איז דא חלב (פאפע רב פרעגט צו דער זאך).

סיגעסער רב - וואס זאל איך טיען? קודם איך ווייס נישט צו ער שרייט נאך. (סיגעסער רב ווייסט
גאנץ גוט). דער רב דערציילט נאך א מאהל דער מעשה וואס איז געווען מיט קאשרי רב ערב יו"ב וז"ל
איך האב גערעדט מיט קאשרי רב און איך האב עס געבעטען קום זאג, איז געבליבען מארגען ערב יו"כ
וועט קאשרי רב קומען, איך האב אבער בעסער געוואלט אויף די נאכט האב איך אפגערופען אודווארי רב
האב איך עס געבעטען קום אריבער און רוף אף די קאשרי רב פאר וואס וויל ער נישט היינט נאכט, דער
אודווארי רב האט עס אפגערופען, איך בין געווען פארנומען און דער אודווארי רב איז געגאנגען אין
דער אנדערע שטוב,,און צוריק געקומען.מיט דער אודווארי רב האט ער אפגערעדט אויף דינסטאג נאך
יו"כ. עס איז געווען יו"כ האב איך יו"כ אויסגערופען ביי אונז, איך האב געמיסט אויסרופען ווייל
עס איז געווען יו"כ מ'האט דאך געפאסט יו"כ און אויף דער נאכט מוז מען גיין עסען איך דארף דאך
עפעס זאגען פאר די מענשען, זאלען זיי עסען אדער זאלען זיי נישט עסען, איך האב געמיסט עפעס
טיען, האב איך געהייסען אויס רופען אז ווער ס'האט געקויפט ביי אונז אין בוטשער סטאר קען מען
עסען, איך האב געזעהן אז איך מוז עס טיען, נישט אויסרופען וואלט עס געהייסען אז איך זאג אז
מ'סאר נישט עסען. (מיר וועלען אויף דעה גארנישט שרייבען קיין העדרת ווייל יעדער פארשטייט דאס
אליין). אויף דעם ארויף האב איך באקומען דעם בריעף פון קאשרי רב, און ער שרייבט דער גאנצע
מעשה אז עס איז געבליבען אויף דינסטאג. (אין דער דרשה פאר די אברכים חוה"מ כוכוח זאגט דער רב
פארקערט אז מ'האט געהאט אפגערעדט אויף ערב יו"ב און ער האט געווארט אגאנצע ערב יו"כ אויף
קאשרי רב, און ווייל קאשרי רב איז נישט געקומען ערב יו"ב האט דער רב ארויסגערופען אז דער פלייש
איז כשר, און יעצט איז דער רב מודה אז דאס איז נישט אמת געווען). איך קען נישט פארשטיין מ'האט
געהאט אפגערעדט אויף דינסטאג און איך האב ארויסגערופען אז ביי אונז איז כשר. (אז מ'האט נאך
נישט מברר געווען די זאך ווי קומט מען ארויסצורופען אז עס איז כשר - רוף ארויס האסט אז עס איז א
ספק, און מספק זאל מען נישט עסען). דער ווייל האבען מיר געמאכט א שטיקעל תיקון אז די קצבים
באקומען גארנישט די פלייש ווי עס איז דא חלב (א שטיקעל תיקון? די מטבילים האבען געמאכט
אזעליכע פשרות, און וואס וועט זיין נאך די 6 וואכען? לאמער האפען אז קאשרי רב זאל גארנישט
זאגען).

סאטיקאווער רב - אויב מ'טיעט נישט א זאך שוין איז גארנישט ווערט זאג איך אז דער ווייל האטש
אז די רבנים זענען נאך נישט אויסגעלערנט זאלען די רבנים צונעמען א מנקר און מ'זאל שוין ארויס
געבען א קול קורא אז קיין שום יוד זאל נישט עסען קיין פלייש ווי עס איז דארט נישט קיין השגחה.
(דער רב המכשיר קען נישט קיין ניקור, אבער א הכשר געט ער, ער פארלאזט זיך אויף דער מנקר וואס
קען אויך נישט).

פאפע רב - די רבנים זאלען נישט פארלאזען אויף די מנקרים, זיי זאלען נישט זיין קיין תלמידים
פון די מנקרים, זיי זאלען זיין איין אייגינער מברר הלכה, ווייל געווענטליך ביי אזא זאך זענען
די רבנים די תלמידים פון די מנקרים, און דאס איז נישט דאס ריכטיגע (דער פאפע רב קען די רבנים)

אודווארי רב - אין אמעריקא איז א הפקר וועלט, היינט די בוטשערס זענען גאנץ פיינער יודען, די
דורות פאלען, מ'זעהט אין אמעריקא יונגעלייט ספענדען וועגען מצות אסאך געלט און דער זעלבער
זאך וועגען עניני בשמירות און דירה אויך, אויף איין מאהל עס האנדעלט זיך וועגען א ספק דאורייתא

אין דער היים איז געווען א געוואלד-גע ארומקייט א פיצעל פעטען איז געווען אגרויסער ענין, און טאמער מ'האט געדארפט פארקויפען פאר דער גוי נאך א שטיקעל אחוריים איז געווען א געוואלטיגער זאך, יעדער שטיקעל פלייש האט מען געציילט ממילא האט מען געמוסט מיקל זיין, פאר וואס זאלען מיר מיקל זיין, איך האב גערעדט מיט דער ספר דיין רב אויש אז אין גאנץ זיבענבערגען האט מען נישט גענוצט נאר ביז צלע י"א, איך האב אפגערופען היינט דער מאנטשעסטער ענגלאנד נאר צלע י"א, נעכטען נאכט סקווער נאר צלע י"א דער שתי הלחם צלע י"א און אויף איין מאחל ווייל מ'האט געטראפען א קול קולא פון חת"ס זאל מען אן נעמען אלע טולרה. ירנגערלייט ווילען עסען פלייש מיט אלע חומרות, דער אגור שרייבט אז ספק חלב איז ספק איבוד הנפש דער פאר א געוואלד אונגארישע קהלות האבען נישט גענוצט צלע י"ב, טאמער מ'שניידט צלע י"א קומט נישט פאר די אלע פראבלעמען פון עטליכער פלעצער פון חלב דאורייתא, טאמער נישט איז זייער שווער ריין מאכען, אויב עס איז דא פוסקים וואס אסר'ן פאר וואס זאלען מיר מיקל זיין. (דער אודוואַרי רב איז נאר מודה במקצת).

<u>לאנדסבערגער רב</u> - קודם כל מיר רעדען נישט פון עבר אזוי ווי פאפע רב האט געזאגט אל חזכור לנו עוונות הראשונים אפילו דער ערעור איז א בלבול בעלמא, (אבער אין זיין ווייטעדיגע ווערטער איז ער מודה אז די מנקרים קענען נישט). עס איז דא אזעליכער מנקרים וואס זיי האבען קיין אנונג נישט איך ווייס נישט ווי ווייט זיי זענען פארלעסליך ווענען שמירת שבת, מ'נעמט זיי אריין אלץ ארבייטער און זיי זענען גארנישט פארלעסליך און זיי ווייסען נישט בין ימינם לשמאלם און זיי האבען ניט אמאחל נישט קיין בעפיעל פאר כשרות. (מ'זעהט קלאהר אז ער איז מודה אז עס איז דא חלב) איך ווייס ווענען א געוויסער פלאץ מ'תאט געזאגט אז דער־איז דער מנקר און דער איז ד'ער משגיח, האב איך יענעם געפרעגט דו ביסט דער משגיח לארט? ניין זאגט ער, דאס וואס עס קומט אן צו עם דאס איז ער מנקר אזוי ווי דער הלכה אבער וואס איין אנדערע מיעט איז נישט אונטער זיין אחריות. (דער לאנדסבערגער רב ווייסט פון איין פלאץ ווי עס איז אזוי, אבער מיר ווייסען דעם אמת אז עס איז ליידער אזוי אויף אסאך פלעצער).

<u>סארטיקאווער רב</u> - איך שלאג פאר 5 רבנים גדולים, דער נשיא פאפע רב ווינער רב הרב לייטנער און דער אודוואַרי רב זיי פינעף... איך וויל אייגעד (דער אודוואַרי רב) א בעגענער וועט ארויס קומען איין אמת. (דער סארטיקאווער רב קען גוט די רבנים און ער וויל א זייטיגער רב דהיי דער אודוואַרי רב כדי אז דער אמת זאל ארויס קומען).

<u>סיגעטער רב</u> - אין דער היים תאט א יוד אפגעשניטען דעם אחוריים משא"כ דא מאכען עס גרייט, קען זיך א מאחל מאכען, איך האב געפרעגט ווייענשטאק קען דאס זיין אן מ'זאל אריין שניידען אין חלק אחוריים? זאגט ער, עס קען זיין. (דער רב איז דא מודה אז עס קומט אריין אחוריים) אז מ'זאל איין פירען אז מ'נוצט נישט דער צלע י"ב וועט זיין אסאך קלענער דער חשש פון אחוריים עס וואלט געווען א סברה דאס איין צופירען. (דער רב איז שוין מודה אז עס איז דא לכה"פ א חשש נישט אזוי ווי זיינע גאנץ ערשטער ווערטער).

<u>ווייצינער רב</u> - איך האב גערעדט מיט אפאר בוטשער סטארס אז די מכשולים וואס מ'האט בעהאפט איז ווענען דעם דינער טענדערלוין, בעסער וואלט געווען אז מ"זאל איינפירען אז מ'זאל טאקע אראפ נעמען די גאנצע טענדערלוין, אויף די דיקע איז שווער איין צופירען ווייל עס האט א חשיבות, די בוטשער סטארס וועלען נישט אזוי שנעל מסכים זיין אז מ'זאל קענען איין פירען די דיקע טענדערלוין איז אוודאי גוט אבער עכ"פ דעם דינע טענדערלוין זאל מען אראפ נעמען(די רבנים מאכען פשרות. און די בוטשערס פירען די רבנים, די רבנים מוזען נעמען אין חשבון וואס די בוטשערס וועלען זאגען).

<u>ר' יחזקל הארוויץ</u> - ער ברענגט א מעשה ווענען מלאכי און צייגט אז ער איז א שבץ. (עס איז אמת אז מלאכי איז וואס ער איז אבער חלב איז ליידער דא. די רבנים רעדען נישט צו דער זאך, זיי ברענגען נישט קיין ראי' אז עס איז נישט דא קיין חלב זיי האבען נאר טענות אויף די מעוררים). איך האלט אזוי אז קודם דארף ארויס קומען א קול קורא פון דער התאחדות הרבנים אז מ'האט אלעס מברר געווען אז עפ"י הלכה איז נישט דא קיין שום חשש נישט (שומר שמים - דאס איז פשוט ליגענט די רבנים זענען אליין מודה אז עס איז דא חלב, יודען עסען ר"ל חלב און התאחדות הרבנים זאלען ארויס קומען מיט א קולא קורא אז עס איז נישט דא קיין חלב. דאס זענען ארנזערע רבנים???). איך ווייס כמה ובמה יודען וואס ווארטען, זיי האבען צוטרוי צו התאחדות הרבנים (ליידער) עס זאל ארויס קומען א בירור, עס איז געווען א ביסעל נאך בעלאסט אין די השגחות, דאס בייס מען מתקן זיין, מ'מעג דאס שרייבען דאס איז א כבוד פאר די התאחדות הרבנים (אבער נישט קיין כבוד פאר די רבנים אליין). אז מען איז מודה אז עס איז געווען אביסעל התרשלות אין די השגחה און מ'בייט דאס מתקן זיין. (ער איז סותר זיינע פריעדיגער ווערטער רצע"ב).

<u>סטמרער דיין</u> - דער עולם וועט מיינען אז עס איז בענוג דער השגחה פון ניקור, עס איז דא אנדערע חשש. חלילה ברענגט מען אריין אנדערע זאכען נבילות וטריפות די השגחה זאל זיין אויף אלעמען, (דאס הייסט אז ביז יעצט איז נישט געווען קיין השגחה). די משגיחים זאלען האבען דער רעכט צו קוקען וואס מ'ברענגט אריין אין סטאר אין סטאר און וואס מ'טיעט און וואס מ'מאכט, עס דארף זיין א השגחה פון אלעמען. (דע זעהט מען אויך אז עס איז דא חששות און פראבלעמען און אויף דעם שרייבט מען אין קול קורא לא נתברר לנו <u>שום</u> יסוד לערעורים הללו).

<u>מאנטאווידיע רב</u> - סוף כל סוף א בעל מלאכה מעג זיין דער גרעסטער עהרליכע יוד ער שטייט טאג ביי טאג שעות ווייז און ער ארבעט איז עלול, אמענש איז נישט אלע מאהל אייניג וואלט מען געדארפט מזמן לזמן א צווייטער מנקר אז ער זאל ווייסען אז מ'קוקט עס נאך דאס וואלט געווען אגרויסער זאך (יעצט גייט מען זיך אויס לערנען ווי אזוי צו געבען איין השגחה?).

<u>בירבאטור רב</u> - איך זאג אפען איין שלאכט אויז לאז איך קיינעם נישט אריין עס איז שטרענג פארבאטען נישט פון מיר, עס איז א מתוקן'דיגע פלאץ ווי די בהמות לויפען (ווענען וויל ער איין רעדען אז די בהמות לויפען דארט ארום?).

<u>ר' יחזקל הארוויץ</u> - עס דוירט צייט ביז מ'וועט זיך אויס לערנען ניקור, איז ביז וואס ווער וועט, קען מען זאגען אז מ'קען עסען? יאכלו ענוים וישבעו? דאס וויל איך ווייסען. (ב"ה האט איינער פרעגט צו דער זאך).

<u>מאנטאווידיע רב</u> - אז מ'פרעגט מיך זאג אך אזוי קיין איסור איז נישט נתברר געווארען און ווער ס'האט געגעסען ביז היינט וכו' יעדער קען עסען אויף יענעמס אחריות, אויף מיין אחריות קען קיינער נישט עסען.

מ'הערט אויף דעם סייף אזוי ווי יצחק גליק זאגט פאר די רבנים וואס מ'זאל שרייבען אין קול קורא, ער זאגט פאר ודז"ל עס איז געזעצען א מיטינג פון די רבנים און מיר האבען בעזעהן אין דעם ענין פון ערור האבען מיר נישט געטראפען קיין ממשות ממילא איז עס בחזקתן וכו' (ל"ע אז מיר האבען זוכה געווען צו אזא מצב). שומר שמים - יצחק גליק פירט די רבנים!!!